STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02460

# DOKTOR MAKHOVER

Meir Blinkin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דאקטאר מאכאווער.

פון מאיר בלינקין.

.1

אין א קליין שטעדטיל אין דרום־רוסלאנד, וועלכעס ליעגט רחמנות'דיג צוזאמענגעדרעהט ביי דער רעכטער זייט פון דניעפּער — איז משה־דוד מאַכאָווער געבוירען געוואָרען ביי זעהר רייכע און לײדענשאַפטליך פרומע עלטערן.

זיינע עלטערען זיינען געוועזען גליקליך, זיי האָבען באמת גאָט געדיענט, און גאָט האָט זיי געהאָלפען.

אויף דעם זעלבען וועג, אויף וועלכען זיי אליין זיינען געגאַנגען, האָבען זיי געפיהרט זייער תכשיט, זייער נחת, זייער איינציג קינד.

אז משה־דוד איז אַלט געווארען זעקס יאהר, האָט זיין פאָטער איהם איינגעהילט אין אַ טלית, און אוועקגעטראָגען אויף די הענד אין גרויסען בית־המדרש.

ער האָט איהם צוגעטראָגען צום ארון־קודש, און אוועקגעזעצט אויפ'ן ערשטען טרעפּ. אליין האָט ער שטיל, מיט גרויס יראת־הכבוד דעם זוים פון פרוכת אין האַנד גענומען, מיט גרויס פאַרזיכטיגקייט האָט ער איהם אַנגע־ריהרט אָןביידע אויגען, און א קוש טהוענדיג דעם פרוכת האָט ער צו גאָט אזוי געזאָגט:

— „רבונו של עולם! דאָס בלוט פון מיין בלוט, און דאָס פלייש פון מיין פלייש טהו איך צו דיר ברייננען

אצינד, מיין זוהן, מיט וועלכען דו האסט מיך געבענשט, טהו איך צו דיר בריינגען, אין דיינע וועגען זאל ער געהן, דיין תורה זאל ער לערנען, און דיך זאל ער דיענען. און איידער ער זאל אין דיינע וועגען ניט געהן — זאל ער בעסער אויף זיינע פיס ניט קענען געהן, און איידער ער זאל דיין תורה פערלאזען, — זאל בעסער דער רוח חיים זיין גוף פערלאזען, און איידער ער זאל פון דיין הויז צו אנדערע געטער ארויסגעהן, — זאל ער בעסער גאר ניט ארויסגעהן, א טוידטען, דו הערסט רבש"ע, א טוידטען זאל מען איהם בעסער ארויסטראגען".

דאס יונגע קינד האט פערריסען דעם קאפ און מיט גרויסע אויגען, פולע מיט קינדערשע שרעק און פער־וואונדערונג האט עס אויף דעם פאטער געקוקט.

און ווען דעם קינד'ס אויגעלאך האבען זיך בעגעגענט מיט דעם פאטערס אויגען, האט דער אלטער מאכאוועער א געשריי געטהאן מיט גאר די כחות:

— משה־דוד, אן איש תמים זאלסטו זיין!

דאס קינד, ווי אויך אלע איבריגע וועלכע האבען זיך געפונען אין בית־המדרש, אלעם האט א ציטער געטהאן פון זיין אויסגעשריי.

פון יעמאלט אן האט משה־דוד געלערנט אין בית־המדרש, גאנץ פריה פלעגט מיט איהם אהין אוועקגעהן דער רבי, וועלכער האט מיט איהם געלערנט, די מוטער פלעגט נאכגעהן ביים זייט און זיך בעגיעסען מיט נחת־טרעהרען. ביי־נאכט ווען משה־דוד פלעגט אהיים קומען, האט זיין פאטער מיט איהם א ביסעל צוגעלערנט. אזוי האט זיך עס געפיהרט, ביז עס איז שוין פאר איהם קיין מלמד ניט געווען — און משה־דוד האט אנגעהויבען לער־נען פאר זיך.

אט אזוי האט זיך דער לעבענס־ראד געדרעהט נאך

זיין שטייגער. נייע יאהרען זיינען ארויפגעשוואומען, און אלטע פערשווימען. די צייט, דאָס געהיימניספּאָלסטע פון אלע געהיימניסען, איז ענטריננען אזוי אונבעמערקט, ווי עס שטאַרבען אָפּ אין דער לופט די לעצטע טענער פון אַ קלאַנג.

.2

גרויס איז געווען די פרייד פון משה־דוד׳ס עלטערען. זיי האָבען געזעהען אַז דאָס גליק פיהרט זיי ביי דער רעכטער האַנד, וואָס פאר א גרויסען גאָט זיי האָבען! קוים האָט ער צוגעהערט זייער געבעט, און פערנומען זייערע תפלות, און האָט זיי געבענשט מיט אַ קינד, — האָט ער אַ זוהן זיי געגעבען.

אַ זוהן מיט אלע מעלות: שעהן, געזונד, און דער עיקר — אן עלוי! אַ געווינס פאַר גאָט, א ציערונג פאַר טאַטע־מאַמע, און אַ בענשונג פאַר לייטען.

„רבונו של עולם, מיר דאנקען דיר ווען מיר לייגען זיך און ווען מיר שטעהען אויף!“ אַזוי האָבען משה־דוד׳ס עלטערען אין האַרצען גאָט געדאַנקט דערפאַר וואָס ער האָט זיי געבענשט.

איינמאָל נור, דאָס איז געווען בשעת משה־דוד איז אַלט געוואָרען 10 יאָהר, האָבען זיינע עלטערען פון איהם געהאַט א ביסעל עגמת־נפש. אָבער עס איז גיך דורכגעגאַנגען, און זייער בן יחיד איז געוואָרען רוהיג, ווי געווען. זיי האָבען גלייך פערשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַ צייכען פון גאָט, ער האָט זיי געוואָלט אויספּרובען, אָבער געלויבט זאָל זיין, זיין ליעבער נאָמען, ער האָט באַלד דעם נסיון אָבגעטהון.

איינמאָל ביינאַכט, דורכוואַרפענדיג זיך פון שלאָף, האָט משה־דוד׳ס מוטער דערהערט, ווי ער, משה־דוד, רעדט צו עמיצען ביי איהם אין אלקיר. זי האָט זיך אויפ־

געזעצט, אריבערגעבויגען איבערן בעט, און דערזעהענדיג אז ביי איהם אין אַלקיר איז פינסטער, איז אויף איהר אַנגעפאלען אַ שרעק. זי האָט אויפגעוועקט משה־דוד׳ס פאָטער, און ביידע זיינען זיי שטילינקערהייד צוגעגאנגען צו משה־דוד׳ס אַלקיר־טהיר, און וועה וואָס זיין פאָטער האָט דערהערט. משה־דוד זאָגט גאַנצע שטעלען תנ״ך אויסוועניג, דורכ׳ן שלאָף. וועקען איהם האָבען זיי מורא געהאַט, אָבער געהן צוריק שלאָפען האָבען זיי אויך ניט געקענט, ווי קען מען שלאָפען! זיי זיינען געזעסען די גאַנצע נאַכט, ביז׳ן ווייסען טאָג.

סטייטש תנ״ך, משה־דוד לערנט תנ״ך. ער קען גאַנצע שטעלען אויסווייניג, און קיינער ווייס גאָר ניט, ס׳איז דאָך מעגליך אז ער לערנט חס־ושלום נאָך אזעלכעס, וואס ס׳פיהרט אַראָב פון דרך־הישר, וועה, וועה.

זיי האָבען קוים דערצויגען די גליקליכע מינוט, ווען משה־דוד איז אויפגעשטאַנען, זיי האָבען איהם אריינגענומען צו זיך אין אלקיר, פערשפאַרט די טהירען, אז קיינער זאָל זיך חלילה ניט דערוויסען, וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, און זיין פאָטער האָט איהם געהייסען מודה זיין זיך. נישט וויסענדיג אז מען דארף זיך היטען דערמיט, האָט משה־דוד אָהן שרעק און אָהן מורא זיך גלייך מודה געוועזן.

זיי האָבען גאָר ניט געוואוסט וואָס צו טהון, זיי האָבען איהם געבעטען מיט גוטען, אז ער זאָל אויפהערען לערנען תנ״ך, די טייערסטע מתנות האָבען זיי איהם צוגעזאָגט, דאָס קינד האָט זיי ניט פערשטאַנען. פאר וואָס ווילען ניט טאַטע־מאַמע אז ער זאָל לערנען תנ״ך, ער האָט דאָך אזוי ליעב תנ״ך, און קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען. ער האָט ווייטער געלערנט תנ״ך.

די עלטערען האָבען איהם אָנגעהויבען נאָכשפירען

אויף יעדען שריט און טריט, מיינענדיג אז ער האָט אודאי דעריין, וואָס ער לערנט תנ"ך, א פערבאָרגענעם געדאנק און, אז ערגעץ־וואו בעהאַלטען פון זיי, לערנט ער נאָך גאָט וויים וואָס. זיי האָבען זיך אָבער גענאַרט. משה־דוד האָט זיך מיט קיין זאך פון קיינעם בעהאַלטען, ער האָט געלערנט אין בית־המדרש, אין דער היים, ניט קימערנדיג זיך פאַר קיין זאך. מען האָט איהם געפּרובט שלאָגען אפילו, נור עס האָט דאָס אויך ניט געהאָלפען.

צו מאָל בעת דער מלמד פלעגט אוועקגעהן וואוהין עס איז, און משה־דוד איז איבערגעבליעבען אליין אין בית־המדרש, אָדער איבערבלייבענדיג אליין אין הויז, האָט ער זיך פערשפּארט, איינער אליין אין אן אלקיר, אויסגעשטעלט ארום זיך טישען מיט ביינק, אליין איז ער געווען דער נביא וואָס האָט זיי געשטראָפט פאר זייערע זינד. ער האָט גערעדט שטרענג און ערנסט מיט גרויס בעגייסטערונג. בשעת ער האָט גערעדט האָבען זיינע אויגלאך געגליהט; שטיקער פלאַם זיינען זיי געווען; דאָס פנים פערפלאַמט און בעדעקט מיט גרויסע טראָפען שווייס. און ער פלעגט זאָגען און זאָגען גאַנצע קאפּיטלען פון ישעיהו, פון ירמיהו, פון יחזקאל, אזוי לאַנג ביז ער פלעגט הייזעריג ווערען זאָגענדיג.

אזוי האָט עס אָנגעהאַלטען גאנצע חדשים, ער האָט געהאָפט מיט דער זיסער, קינדערישער האָפנונג, וועלכע איז פול מיט גלויבען און מעגליכקייט, אז ער וועט ווערען אַ נביא, ער האָט פערלאַנגט פון זיינע עלטערען, אז זיי זאָלען מיט איהם פאָהרען אויף די קברים צו די נביאים, ער פלעגט זיי שטעלען אזעלכע פראגען, וועגען נביאים, וועגען גאָט, אויף וועלכע זיי האָבען איהם קיין ענטפער ניט געקענט געבען, און עס האָט אויף זיי אָנגעוואָרפען אַ טוידט־שרעק.

„פערלאָרען מיין קינד, פערלאָרען" האָט אַמאָל משה־דוד'ס פאָטער אַ טראַכט געטהון, און איבערטראַכטענדיג נאָך אַמאָל אָט דעם מורא'דיגען געדאנק, האָבען זיך פון זיינע אויגען א גאָס געטהון טרעהרען.

ער האָט אויף זיך גענומען נדרים, אויב גאָט וועט זיך אויף איהם מרחם זיין, און צוריק־קעהרען זיין קינד, ער האָט פערטהיילט פיעל צדקה, און גאָט האָט איהם געהאָלפען.

פון יעמאלט אָן, האָבען משה־דוד'ס עלטערען אין איהם גאָר ניט באַמערקט, האָטש אין אמת'ען האָט דער נביאים־גייסט, וועלכען דער יונגער שכל האָט ניט גע־קענט עמפפאַנגען, געקוועלט משה־דוד'ן ביז'ן דרייצעהנ־טען יאהר.

אויפ'ן דרייצעהנטען יאהר האָט ער אָנגעהויבען טיעפער פערשטעהן דעם תלמוד, ער האָט שוין געהאַט דורכגעלעזען פיעלע מוסר־ספרים, וועלכע זיין פאָטער האָט מיט אַ כיון געגעבען איהם צו לייענען, כדי טאָמער וועט איהם אויך אָנגעהמען א חשק צו שרייבען, צו זיין אַ מחבר, און דאָס האָבען דאָך זיינע עלטערען אזוי גע־גארט . . .

אוןווירקליך, משה־דוד'ן האָט דער פערלאנג צו שרייבען געפלעפט, ער האָט פלייסיגער אָנגעהויבען צו לערנען, פערטיעפענדיג זיך אלץ מעהר און מעהר אין תלמוד און אין די איבעריגע למודים.

3.

אָט אַזוי צווישען די הויכע, גרויע, שווייגענדיגע ווענט פון בית־המדרש, האָט משה־דוד פערבראַכט זיעבע־צעהן לאַנגע, שווערע יאָהרען.

ער איז געווען געפאַנגען פונ'ם שטארקען ווילען צו וויסען און קענען. פון זעקס יאהר אָן ביז דריי און צוואַנ־

ציג, האָט זיך זיין נשמה, זיין גייסט געבאָדען אין די טיעפענישען פונ'ם תלמוד'ישען ים.

דער תלמוד איז פאר משה־דוד'ן געוועזען א פריש־שלאָגענדער, אוינאויסנעהמליכער קוואל. וואָס מעהר מעהר משה דוד האָט פון דארט אויסגעשעפט און אויס־געזויגען, איינזאָפּענדיג אין זיך ווי א שוואָם, אלץ מעהר איז עס צוגעקומען.

משה־דוד איז קלאָהר געווען אין אלע אידישע למודים און אין אלע ספרים, אזוי ווי עס איז קלאָהר א געוואגטער שווימער אינ'ם טייך פון זיין שטעדטיל, אין וועלכען ער באָדט זיך טאָג־טעגליך.

די גאַנצע אידישע פרומע וועלט האָט זיך מיט משה־דוד'ן געבענשט, מען האָט געהאָפט אויף איהם, ווי אויף משיח'ן. ער וועט דאָס זיין דער מלאך־הגואל, דער גרויסער ליכטיגער שטערן, וועלכער וועט בעלייכטען דעם פינסטע־רען גלות־וועג.

אזוי האָט מען וועגען איהם געטראכט און גערעדט.

משה־דוד האָט אָנגעשריעבען אייניגע פרומע ספרים, אין וועלכע ער האָט ארייגעדרינגען דאָס גאנצע פער־צוויפלונג, דאָס גאַנצע האָפנונגסלאָזיגקייט פונ'ם גלות־איד. וואָס א טאָג, וואָס א שעה, וואָס א רגע איז משה־דוד אַלץ פרומער געוואָרען, און קרעפטיגער אין זיין גלויבען, און נימ משה־דוד האָט מען איהם גערופען—משה־דוד'ל...

און ביי די דאָזיגע, וועלכע פלעגען זיין נאָמען אויף די ליפען ארויפברייגען, האָט דאָס הארץ שטארקער גע־קלאָפט, דאָס בלוט האסטיגער געפלאָסען אין די אָדערן, און די אויגען האָבען געגלאנצט מיט א העלען שיין.

פון דער גאַנצער אידישער וועלט האָט מען צו משה־דוד'ן אָנגעהויבען פאָהרען, אַז ער זאָל זיי בענשען. ער האָט זיך דערפון אָבגעזאָגט, צו עדעל איז געווען זיין

גייסט, און צו הויך זיין נשמה, משה־דוד האָט געגלויבט אין גאָט, מיט דעם שטארקען גלויבען וואָס טריקענט אויס ימים; לעשט אויס זונען, און שטעלט אָפּ די וועג־דונג פון דער ערד, — דער וואָס גלויבט באמת אין גאָט, גלויבט ניט אין נסים פון קיין מענשען.

.4

אויף דעם דריי־און־צוואַנציגסטען יאָהר פון זיין לע־בען האָט מיט משה־דוד'ן אויסערגעוועהנליכעס געטראָ־פען. אזעלכעס, וואָס נישט זיינע עלטערען, נישט זיינע נאָהנעטע און פריינד, נישט ער אליין אפילו, האָט עס געקאָנט ערווארטען.

נישט וויסענדיג פון וואַנען און פון וואָס, האָט ער אָבער דערפיהלט אז עפּעס אן אמת, אַ שרעקליכער אמת, הויבט פאַר איהם אָן קלאָהר צו ווערען. פאַר זיינע דור־שטיגע אויגען, וועלכע האָבען אזוי העפטיג אלע אידישע למודים איינגעשלונגען — האָט עפּעס א בלאַסער שיין אָנגעהויבען פלאַטערען, די שיין פונ'ם שטראהל איז גע־קומען שוואַך און אונבעשטימט; זי איז ניט געקומען פונ'ם מקור גופא, פון א צווייטען אָרט האָט זי זיך צו איהם אָבגעשלאָגען.

עס איז געוועזען איינמאָל, בשעת משה־דוד האָט געפונען אן אלטען, פערגעלבטען מוסר־ספר און האָט אין איהם ארייגעקוקט.

ער האָט געהאָט דורכגעבלעטערט דעם ספר און האָט איהם שוין גאָר געוואָלט אוועקלייגען צוריק, האָט זיך אָבער זיין בליק אָבגעשטעלט אויף דעם לינקען טאָוועל פון אינעווייניג. אויפ'ן טאָוועל זיינען געוועזען אָנגע־שריבען עטליכע העברעאישע, האלב אָבגעריבענע שורות. משה־דוד איז האַסטיג דורכגעלאפען מיט זיין בליק איבער

די שורות. ער האָט זיינע אויגען ניט געגלויבט וואָס ער זעהט.

„סטייטש“ — ער האָט עס נאָך אַמאָל איבערגע־לייענט, א שוויים האָט ארויסגעשלאָגען אויף זיין שטערן פון גרוים פערדרוס: „יונגער אָדער אלטער, למדן אָדער עם־ארץ, ווער דו זאָלסט דאָרט ניט זיין, ביזט סיי־ווי־סיי מיין ברודער און דעריבער ביזטו מיר ליעב און טהייער, בכן בעט איך, אז צו ווען דער גורל וועט אריינוואַרפען אָט דעם ספר אין האַנד, זאָל איבערלעזען אויפמערקזאַם, וואָס איך שרייב דאָ אָן, און זיך גוט אריינטראַכטען אין דעם. גלויב מיר ניט אויפ׳ן וואָרט, זוך אליין נאָך, נישפער אזוי לאנג, ביז דו וועסט געפינען. און ווען דו וועסט מיט מיר מסכים זיין, לעהרען עס אַ צווייטען. ווייס איין מאָל פאַר אלע מאָל, אז אלעס וואָס שטעהט אין דעם ספר, ווי אין פיעלע אנדערע ספרים, איז כזב ושקר, עס איז ניטאָ קיין גאָט, עס איז ניטאָ קיין גהינום; עס איז ניטאָ קיין גן־עדן; אלעס איז כזב ושקר“.

משה־דוד האָט טאַקע א וואָרט ניט געגלויבט, אין אלעם דעם וואָס אויפ׳ן טאָוועל איז אָנגעשריבען, עס האָט איהם דאָך געצויגען נאָך אַמאָל און נאָך א מאָל איבער־צולייענען עס.

פיעלעם איז איהם קשה געוואָרען. ערשטענס וואָלט ער געוואָלט וויסען ווער דער מחבר איז פון די דאָזיגע ווערטער, צווייטענס, ווי אזוי האָט ער זיך ערלויבט צו טהון אַזאַ זאַך. נעהמען אזא אפיקורסישען געדאנק און אויפשרייבען אויף אזא הייליגען ספר.

„אָה, הלואי ווייסט ער ווער עס איז!“ פון גרוים צאָרן האָט משה־דוד פעסט צוזאמענגעדריקט דעם רעכטען פויסט. ער וואָלט זיך מיט איהם אָבגערעכענט, „אזאַ׳ן עולה“. ער האָט באין אופן ניט געקענט שלום ווערען מיט׳ן

גערדאַנק. דאָך האָט עס איהם אַלץ מעהר געצויגען צו לייענען די עטליכע אפיקורסישע שורות.

יעדעס מאָל וואָס ער האָט זיי דורכגעלעזען, איז ער בייזער געוואָרען, ער פלעגט אָנהויבען ארומשפרייזען אי־בער'ן בית־המדרש הין און הער: „אזא־ן עולה". משה־דוד האָט זיך אַ לאָז געטהאָן מיט רוגזה צום ספר, ער וועט ארויסרייסען דעם גאנצען טאָוועל און וועט צוטרעטען מיט די פיס, אָט די פאלשע, אפיקורסישע ווערטער, וועל־כע לעסטערען אזוי גאָט'ס נאָמען.

אז ער איז צוגעקומען צום ספר, איז זיין אויג ווידער געפאַלען אויף די עטליכע העברעאישע שורות, ער האָט זיי נאָך אַמאָל איבערגעלייענט, און האָט זיך פערטראַכט. עס איז איהם איינגעפאַלען אַ גוטער פּלאַן, זעהר אַ גוטער. ער וועט אוועקלייגען דעם ספר אויבען־אויף און נאָכקוקען דעם, ווער עס וועט אין איהם ארייַנקוקען. פיעלייכט וועט דאָס איהם געבען א שליסעל.

אז זיין כעס איז א ביסעל אָבגעקיהלט געוואָרען, האָט ער זיך בעטראכט, אז עס איז ריזיקאַליש צו טהאָן אַזאַ זאַך, קיין גוטעס קען דערפון סיי ווי סיי ניט ארויסקומען, ער וועט בעסער אזוי נאָכשפּירען, אולי?... ער האָט גענו־מען דעם ספר צו זיך אין סטענדער, און ביי יעדער געלע־גענהייט, ווען ער פלעגט נור איבערבלייבען אליין אין בית־המדרש, האָט ער די עטליכע ווערטער איבערגע־לייענט און געטראכט וועגען זיי.

איהם האָט זיך אלץ אָבגעדוכט, אז ער דארף זיך דערוויסען בלויז נאָך איין קליינִיגקייט, און פיעלעס וועט איהם גלייך קלאָהר ווערען, ער האָט אָבער אליין ניט גע־וואוסט וואָס דאָס איז פאר א מין קליינִיגקייט, וואָס עס פעהלט איהם נאָך צו וויסען...

במילא האָט ער אָבער איצט צו שטעלען פיעלע וויכ־

טיגע פראגען, גאנצע וועלטען זיינען פאר איהם ענט־פלעקט געוואָרען, נור וועמען פרעגט מען? מיט וועמען רעדט מען, און פון וואָס רעדט מען?

„פון וואַנען אָבער קומט דאָס אלעס?“ „און וואָס פאר אַ שייכות האָט אין אמת'ן דאָס צו דעם?“

משה־דוד האָט זיך דערשראָקען פאר זיינע אייגענע געדאַנקען, אזעלכע פראַגען טאָר מען ניט שטעלען, דער וואָס פרעגט אָב אזעלכע קשיות, גלויבט ניט, — גלויבט ער דען ניט?

קיין שום ענטפער האָט ער זיך ניט געקענט געבען, ער האָט זיך געפיהלט ווי איינער, בעת ער וואַרפט זיך דורך פון שלאָף אין א פינסטערען חדר, איז עס טאָג?... איז עס נאַכט?.. גאָט וויי סט!.. גאָט, האַ?...

5.

די טעג האָבען זיך ביי משה־דוד'ן פערוואַנדעלט אין לאַנגע, שווערע יאהרען, און די נעכט — ביי נאַכט איז ער פריי געווען פון דער גאנצער אויסערער וועלט, און נור מיט זיך אליין, ער פלעגט קלעהרען און טראַכטען, וועלען קומען צום אמת. די דאָזיגע נעכט זיינען פאר איהם געווען גאנצע אייביגקייטען, וואו די נשמה טרינקט זיך אין אַ טיעפען תהום פון צווייפעל.

משה־דוד האָט געוואלט אויסגעפינען דעם קוואַל, פון וואַנען דער שטראַהל איז צו איהם געקומען, און ער האָט אַלין געזוכט.

אַמאָל, ביי־טאָג, איבערבלייבענדיג אליין אין בית־המדרש, איז איהם איינגעפאלען איבערצוקוקען אלע ספרים־אלמערס, טאָמער, טאָמער וועט ער געפינען אַזאַ ספר, וועלכען ער זוכט, וועלכען ער דאַרף.

איבערלאָזענדיג די גמרא אָן אפענע, איז משה־דוד אוועקגעגאַנגען זוכען, ער איז געגאַנגען פון איין ספרים־

אלמער צום צווייטען, ער האָט פואַנאַנדערגעעפּענט און פואַנאַנדערגעבלעטערט אלע ספרים, ער האָט געזוכט, געפּאָרשט, טאָמער, טאָמער. אומזיסט! און ווען ער האָט פערמאַכט דעם לעצטען ספרים־אַלמער און זיך געלאָזט געהן צוריק, צום ארון־קודש, וואו ער זיצט געוועהנליך און לערנט, האָט ער זיך שטארק דערשראָקען, עס האָט זיך איהם אָבגעדוכט אַז די אלטע הילצערנע סטענדערס, די טישען און ביינק, די זיילען פון דער בימה, — זיי אלע האָבען זיך צוזאמענגענומען, אזוי ווי פאר הענד, פער־שטעלען איהם דעם וועג פרעגענדיג:

„האַ, משה־דוד, איז גוט אזוי?“

מיט אימפּעט האָט ער זיך א לאז געטהון צום טהיר. וואו איז ער אין דער וועלט?

אַז משה־דוד האָט זיך בערוהיגט, איז שוין געווען גאַנץ שפּעטליך, פאר זיך זעלבסט, פאר זיין אייגענער שוואכקייט האָט ער זיך פערשעהמט.

א שטיק צייט איז משה־דוד ארומגעגאנגען אין די הינטער־געסלאך, ניט וויסענדיג וואוהין און נאָך וואָס ער געהט. צוריק אַז ער איז געקומען, איז שוין געוועזען נאָך מנחה ומעריב?

דאָס איז געוועזען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען וואָס ער האָט פערפעהלט גאָט דיענען.

דער גאַנצער עולם האָט איהם פערוואונדערט אָנגע־קוקט, ווי קומט עס, וואָס ער, משה־דוד'ל, זאָל ניט זיין צו מנחה ומעריב?

אָבער עס איז גאָר קיינעם ניט אַיינגעפאלען צו טראַכטען, אַז ער, משה־דוד'ל, זייער שטאָלץ און ציערונג, האָט ניט געדאווענט, איז דען אזא זאַך מעגליך?

און דאָס וואָס ער האָט פערשטאַנען אז זיי זיינען איהם אין גאָר ניט חושד, אז זייער גלויבען אין איהם איז

פעלזען־שטאַרק, האָט איהם צוגעטהיילט גרויסע יסורים.

6.

משה־דוד איז ווי שטענדיג פערבליבען אין בית־המדרש, נור לערנען האָט ער ניט געקענט. ער האָט געטראַכט און געטראַכט וועגען פּיעלעס, און ווען עס איז איהם אויפ'ן געדאנק געקומען די מעגליכקייט, אז ער זאָל זיך דארפען צושיידען מיט'ן בית־המדרש, וואו ער האָט פערבראכט אזוי פיעל יאהרען, — וואו זיין פאַנטאַזיע האָט זיך אזוי געשארפט און ענטוויקעלט, דאָרט וואו ער האָט גע'חלומ'ט דעם גרויסען חלום צו זיין נוצליך זיין פאָלק, צו פיהרען עס אין גאָט'ס דרכים, האָט ער זיך זעהר שווער און יאָמערליך פונאַנדערגעזויינט.

געוויינט האָבען: דער ארון־קודש, די ספרי־תורות, די בימה, די אלטע פערלאָזענע סטענדערס, די צובראָכענע טישען און ביינק; געוויינט האָבען די געקאַלכטע ווענד, וועלכע האָבען גרוי אויסגעזעהען; געוויינט האָט דער דאַך, די פאָדלאָגע, די גאַנצע געביידע האָט געוויינט.

מיט גרויסע אויגען, מיט טרויער־אָנגעגאָסענע, אין וועלכע דער צווייפעל אין דאָס גלויבען ראנגלען — פערצווייפעלט, — איז משה־דוד צום ארון־קודש צוגעגאַנגען, מיט ציטערדיגע הענד האָט ער דעם פּרוכת פערשאַרט איןביידע זייטען, האָט אָבגעעפענט ביידע טהירלעך, און אריינשטעקענדיג דעם קאָפּ אהין, האָט ער צו גאָט אזוי געזאָגט: — רבונו של עולם! האָסט מיך געפיהרט ביז דעם דריי־און־צוואַנציגסטען יאהר אויף אַ דרך־הישר, פיהר מיך ווייטער! איך וועל דיר זיין איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען ווי ביז אַהער, נור האָב רחמנות, ניט נעהם אַוועק פון מיר דאָס גלויבען, הער מיך אויף צו פּרובען, קעהר אָב דיין נסיון! רבש"ע! ניט נעהם אַוועק פון מיר דאָס גלויבען אין דיר!

מורא'דיג האָט געקלונגען דער קול, וועלכער איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבער'ן גאַנצען בית־המדרש, און האָט אָנגעפילט יעדען ווינקעלע מיט אימה און אומרות.

אז ער האָט ארויסגענומען דעם קאָפּ פון ארון־קודש, האָט ער ערשט מיט שוידער דערפיהלט, אז עס פעהלט איהם דאָס שטארקע, דאָס פריהערדיגע גלויבען.

ערשט ניט לאַנג, איידער דער וואָרעם פון צווייפלונג האָט זיך אריינגעקליעבען צו איהם אין הארצען, אויסזוי־געגדיג דאָרט דאָס גלויבען — האָט ער זיך געפיהלט אזוי גוט, אזוי גרינג.

אין טיעפען טרויער, מיט'ן שווערען, גרויסען רעטע־ניש אויף די מיעדע פלייצעס, איז משה־דוד לאַנגזאַם, טריט ביי טריט, געגאַנגען אַהיים.

7.

מיט גאָר די כחות, ווי נור די יוגענד, וועלכע גאַרט צו וויסען דעם אמת איז פעהיג — אזוי האָט זיך משה־דוד געוואָרפען פון איין ספר צום צווייטען, אונערמיעדליך האָט ער געהאַלטען אין איין זוכען דעם שטראַהל, וועל־כער האָט זיך צו איהם בעוויעזען.

משה־דוד האָט פערשטאַנען, אז אָט דער שטראַהל קומט פון א גרויסער זונן, מען דאַרף נור אָבווענדען אָן א זייט אלע שטערונגען — די גרויסע אָנגעוואָרפענע בערג, וועלכע פערשטעלען די ליכט, און די גאַנצע זונן אין איהר פּראַכט און שעהנקייט וועט זיך בעווייזען.

פון וואס פאר א מין שטאָף די בערג זיינען, וועלכע פערשטעלען די זונן האָט משה־דוד ניט געוואוסט, ער איז אָבער געווען זיכער, אז וואס מעהר מיט א ספר ער קוקט דורך — און קוקען קוקט ער שוין היינט גאָר מיט אַנדערע אויגען — אזוי ווערט די שיין פון אָט יענעם שטראַהל אַלץ גרעסער, גרעסער, און כמעט בעשטימטער אויך.

די צייט איז ניט פערלאָרען געגאַנגען, בעשטימט האָט משה־דוד דערזעהען אַז ער בלאָנדזשעט, ער האָט געוואוסט אזוי קלאָהר, ווי איינער וואס וואַרפט זיך דורך פון א שווערען חלום, זעהט איין דעם אמת.

ער האָט אויפגעגעבען דאָס לערנען, חאָטש ער איז געגאַנגען ווי פריהער יעדען טאָג אין בית־המדרש.

ער האָט גענומען בעטראַכטען דעם געהיימניספאָלען קנויל, וועלכען א קינד הויבט אָן פונאַנדערוויקלען נאָך אין דער יוגענד, און געהט, און געהט אזוי נאָך, נאָכ׳ן פאָדעם, ווי ווייט עס לאָזט זיך.

זעהר א גרויס שטיק וועג איז ער דורכגעגאַנגען, כמעט אַ האַלבען קנויל האָט ער אָבגעוויקעלט, און מערק־ווירדיג! ער איז דאָך גאָר ניט געגאַנגען אהין, וואוהין מען בעדאַרף געהן. מען האָט דאָך א טעות געהאַט געבענדיג איהם דעם ברעג פון קנויל אין האַנד.

אין דעם, וואָס ניט ער אליין האָט דעם פאָדעם אין האַנד אריינגענומען, האָט ער געפונען אַ טרייסט. קיינמאָל וואָלט ער זיך ניט געקענט מוחל זיין די שווערע זינד, וועלכע ער וואָלט געגען זיך אליין בעגאַנגען, ווען ער אליין זאָל געווען דעם פאָדעם פון לעבען אין האַנד אריינגעהמען.

און נאָך גליקליכער איז ער, וואָס ענדליך האָט ער דערזעהען אזוי דייטליך אז ער בלאָנדזשעט, ער וועט קיין מינוט אפילו ניט פערליערען, און וועט אָנהויבען זוכען דעם צווייטען ברעג פונ׳ם קנויל; און אזוי האָט ער גע־טהון.

שווערע, גייסטיגע ליידען האָט ער געהאַט.

אַ גאַנצען חודש פלעגט ער אלע פריה־מאָרגען אוועק־

געהן אין דעם דערבייאיגען געדיכטען וואלד, און דאָרט אָב זיין ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אין וואלד פלעגט ער ארומגעהן פון איין בוים צום צווייטען, מיט פערלעגטע הענד אויפ'ן הארצען, און קלעה־רען און טראַכטען, וועגען דעם גרויסען און שרעקליכען אמת, וואָס איז פאר איהם ענטפּלעקט געוואָרען.

מאַנכעס מאָל פלעגט ער צוגעהן צום עלטסטען בוים פון וואלד, צום „הונדערט־יעהריגען", אָנהויבען ארומ־ברעכען די שאָל, און אזוי אונבעמערקט פאר זיך אַליין אָבשטעהן שעה'ן לאַנג.

ביי זיינע עלטערען אין הויז, און אין דער גאנצער שטאָדט, האָט זיך דאָס שרעקליכע אָנגעהויבען פיהלען, א מענש ווערט נעלם אויף גאנצע טעג; מען האָט זיך אָבער געשראָקען צו ריידען דערפון.

— אפשר געהט ער אין וואלד אריין לערנען, אפשר, אפשר?...

אָרעם זיינען געוואָרען פאר איהם די אידישע למודים, און ענג דער בית־המדרש.

מיט דעם שטומען וועהטאָג פון א מוטער, וועלכע איז געצוואונגען איבערצולאזען איהרע עופה'לעך אויף פרעמדע הענד, האָט משה־דוד מאַכאָוועך איבערגעלאָזען זיין שטעדטיל, זיינע עלטערען, דעם גרויסען בית־המדרש, און האָט זיך געלאָזען אין דער גרויסער וועלט.

8.

אין דער גרויסער וועלט האָט משה־דוד גליק געפונען, זיין גליק איז בעשטאַנען אין לערנען. האָט ער דען וועניג וואָס צו לערנען? און דורשטיג האָט זיך משה־דוד גע־וואָרפען פון איין ספר צום צווייטען, דעם גאנצען גרוי־סען אוצר פון מענשליכען וויסען האָט ער געוואָלט איינ־שלינגען. אָהן אַ מאָס און אָהן א סדר האָט ער געלערנט

און געלייענט, ער איז געוועזען דער גליקליכסטער צוויי־שען גליקליכע — ער האָט ערקענט גאָט.

פופצעהן יאהר האָט משה־דוד פערבראכט דורכאוים צווישען געדאנקען און אידעען, ניט קומענדיג אין קיין שום בעריהרונג מיט'ן ווירקליכען לעבען.

די 15 יאָהר, וועלכע משה־דוד האָט דער וויסענשאפט געווידמעט, זיינען ביי איהם געוועזען אזוי ווי פופצעהן טעג, ווייל ניט מיט דעם היינט — מיט'ן מאָרגען האָט משה־דוד געלעבט. ער האָט גאר ניט בעמערקט ווי מיט זיין שטארקער האַנד האָט גאָט דעם ציפערבלאַט פון לעבען גערוקט אלץ ווייטער און ווייטער, ער האָט עס ניט געקענט בעמערקען, צו נאָהענט איז ער געוועזען צו גאָט.

און ווען די צייט איז געקומען, און האָט פון משה־דוד'ן חוב אָנגעהויבען מאָהנען, האָט זיך משה־דוד זעהר ערנסט און עהרליך צוגעהערט צו איהר פער'כשופ'טער שפראך.

די שפראַך פון לעבען איז אָהן טענער און קלאַנגען — און דאָך, וואָס פאר א געטליכע מוזיק!

די מוזיק, די געטליכע, האָט געטליכע בילדער גע־וועבט פאר די אויגען פון דאָקטאָר מאַכאָוווער.

אין די בילדער האָט ער דערזעהען זיין בערוף, אויף וואָסער וועג ער דארף געהן, און וואָס ער דארף טהון.

9.

מיט זיין צייט האָט דאָקטאָר מאַכאָוווער גלייך שלום געשלאָסען, האַלב האָט ער אוועקגעגעבען פערשיעדענע איבערזעטצונגען, פון וואָס ער האָט געצויגען זיין חיונה, און האַלב דער וויסענשאַפט געווידמעט.

ער האָט איצט געהאַלטען אין פערענדיגען אַ בוך, אין וועלכען ער האָט איבערציי‌גענד דערוויעזען, אז רעליגיאָן

איז דאָס שעדליכסטע פאר'ן מענשענס לעבען, ער האָט עס דערוויעזען קלאָהר און עהרליך, מיט'ן כח פון זיין גאנצען וויסען.

איין אידעאַל האָט איצט דאָקטאָר מאַכאָווער געהאַט, און וועלכען ער האָט געגלויבט באמת, מיט דעם גאַנצען פייער פון זיין נשמה, מיט דער גאנצער הויכקייט פון זיין גייסט.

דער דאָזיגער אידעאַל איז געוועזען זיין איינציגער גאָט, אין איהם האָט ער פעראייניגט דאָס גאַנצע מענש־ליכע וויסען און ערפאַהרונג.

יעדע צווייג פון דער וויסענשאַפט, איז ביי איהם פעררעכענט געווארען פאר איין איינציג רינגעלע, און נור אלע רינגעלעך צוזאמען שאפען די גרויסע גאָלדענע קייט — דאָס מענשליכע וויסען.

געווים מוז יעדער רינגעלע פאסען איינס צום צוויי־טען, און ניט בלויז, ווען איין רינגעלע שליסט זיך אָפּ, ווערט צושאָטען די גאנצע קייט, נור אפילו ווען איין רינ־געלע איז ניט פון עכטע גאָלד, ווי איז עס אָבער מעגליך? דאָקטאָר מאַכאָווער איז זיכער, אז אלע רינגעלעך בע־שטעהען פון עכטע גאָלד, און זיינען מיט דער שטארקער האַנד פונ'ם מענשליכען וויסען, אויף אייביג איינס אינ'ם צווייטען אָנגעשמידט.

דאָקטאָר מאַכאָווער גלויבט אין דעם מיט דעם זעלבען פעלזען־שטארקען גלויבען, ווי אמאָל אין אידישען גאָט.

און זייענדיג אָן ענטהוזיאסט בטבע, האָט ער גע־האָפט: ערשטענס, אז זיין בוך וועט פיעלע אויפעפענען די אויגען, אז פיעלע וועלען אהן שום צווייפעל פערבייטען אַ בלינדע קאָרט אויף אַ זעהענדיגע, בעשטימטע זאַך, גע־ווים וועלען זיי גיכער גלויבען אין מענשליכען שכל, וויסען, ערפאַהרונג, איידער אין עפּעס אַ גאָט.

און אלין זיכערער איז ער געגאנגען אויף זיין וועג, וועלכען ער אליין האט מיט אזוי פיעל מיה אויסגעטראָטען.

.10

זיין בוך „דער אמת וועגען גאָט“, פון וועלכען דער פערלעגער האט זיך פלוצלונג אָבגעזאגט, האט דאָקטאָר מאַכאָווער אליין ארויסגעגעבען, ניט נור האָט עס איהם ניט אָבגעשראָקען, נור ער האָט יעצט פארגעזעצט צו שרייבען זיין צווייטען בוך, וועגען וועלכען ער האָט גע־טרוימט נאָך פריהער, איידער ער האָט געשריעבען דעם ערשטען. אין זיין צווייטען בוך האָט דאָקטאָר מאַכאָווער דורכגעפיהרט דעם געדאנק, אַז דאָס אידישע פאָלק מוז פריהער פאר אַנדערע פעלקער זיך אבזאָגען פון זיין רע־ליגיאָן. אַנדערע פעלקער, אָנווערענדיג דעם גלויבען אין גאָט, האָבען אן אייגען לאַנד, א גרויסע קולטור, א ליטע־ראַטור מיט טיעף־איינגעוואָרצעלטע טראַדיציעס, זיי האָ־בען זיך ניט וואס צו שרעקען, און ווייל אונז, אידען, פעהלט עס אוים, דאַרפען מיר דוקא זעהען וואָס פריהער און גיכער צו געוואוינען אונזער פאָלק צום געדאנק צו לעבען אָהן רעליגיאָן, א. ז. וו.

.11

נור אָט האָט די ראָד זיך אָן עפּעס פערהאלטען, זי האָט זיך אָבגעשטעלט, און פלוצלונג האָט זי זיך געגעבען אַ דרעה צוריק...

אַ קינד, א ליעב־הארציג קינד, וועלכעס איז ערצויגען געוואָרען אויף די הענד פון דאָקטאָר מאַכאָווער, אַ קינד פון זיין איינציגען יוגענד־פריינד, מיט וועלכען ער פלעגט צייטענווייז טהיילען זיינע געדאנקען און ערלעבניסע. די געדאנקען און ערלעבניסע, וועלכע מען קען א פריינד אָנ־פערטרויען, וועלכע מען קען ארויסזאָגען פאר א צווייטען,

ניט שרעקענדיג זיך אז זיי זאָלען דאריבער ביי זיך אליין דעם חן פערליערען. אָט ביי דעם פריינד, ביי זיינעם, איז אַ קינד שלאָף געוואָרען.

די נירען האָבען אויפגעהערט ביים קינד ארבייטען, עס קען קיין וואסער ניט לאָזען, עס מוז שטאַרבען. און דאָ קומט דאָס גרויסע אונגליק, דאָס גרויסע איבערקעהרעניש אין לעבען פון דאָקטאָר מאַכאָווער. וואו איז די וויסענשאפט? וואס שווייגט זי? פאַר וואָס שווייגט זיין גרויסער גאָט פון מענשליכער וויסען, וועלכען ער האָט מיט פרייד און מיט ליעבע זיין לעבען געווידמעט? איז נאָך דאָ ערגעץ־וואו א הימעל מיט אַ בעהאַלטענעם גאָט?

מען האָט פערבעטען די גרעסטע אויטאָריטעטען. זיי האָבען געהייסען טהון די אלע אַנגענומענע מיטלען אין וועלכע קיין שום דאָקטאָר גלויבט באמת אליין ניט; זיי האָבען נאָך צו קיין געווינשטע רעזולטאַטען ניט גע־בראכט. זיי האָבען געהייסען דאָס קינד אין הייסע וואַנעס זעטצען. איבער גוואַלד פונ׳ם קינד שוויים ארויסציהען... שטעלען באַנקעס, וכדומה...

דאָקטאָר מאַכאָווער האָט פלוצלונג איצט אין די אלע מיטלען אויפגעהערט גלויבען, וואו איז אבער געוועזען זיין שכל ביז אהער? פאַר וואָס, ביז אָט דער קאַלטער, טרוקענער פאַקט, וועגען וועלכען ער וויים שוין יאָהרען און יאָהרען — פאַר וואָס ביז ער האָט זיך מיט איהם ניט געשטעלט פנים אל פנים, איז אפילו ער, דאָקטאָר מאַכאָווער, געבליעבען גלייכגילטיג, פאַר וואָס?...

אויב די וויסענשאפט איז אונבעהאָלפען צו איין חולאת, ווער קען איהם גאראנטירען וועגען נאָך פיעלע זאַכען? אפשר געפינען זיך אויף דער גאָלדענער קייט נאָך א סך רינגעלעך פון פאַלשען גאָלד? ווארום אויב מען קען איין רינגעלע בעפאַנצערען מיט אזא פאַלשען גלאַנץ,

קען מען דאָך בלענדען די אויגען מיט פיעלע... צוליעב וואָס־זשע האָט מען איינגעשלאָסען אין דער גאָלדענער קייט רינגען פון פאַלשען גאָלד?... צוליעב אייגען־נוטץ, אָדער אפשר האָט עס די אונוויסענהייט געטהון?...

דער געזונדטער און שטארקער גלויבער אין דער ווי־סענשאַפט, אין מענשליכען שכל און ערפאַהרונג, איז פּלוצלונג געבליעבען אָהן בעוועגונג. און אָהן רוים. ער האָט זיך ניט געקענט ריהרען, ניט געוואוסט וואָס צו טהון, וואוהין זיך ווענדען?

מערקווירדיג, וואָס מעהר ער האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון די דאָקטוירים, וואָס מעהר ער האָט זיך צוגע־קוקט צו די מיטלען וואָס זיי נעהמען אָן, אַלץ לעערער איז זיין נשמה געוואָרען.

זיי, די דאָקטוירים, מיט זייער ציניש ער אונוויסענ־הייט, האָבען אזוי ווי פיאַווקעס, דאָס גלויבען פון זיין נשמה אויסגעזויגען, ער האָט געזעהען אז קיינער ווייסט גאָר ניט, פערשטעהט גאר ניט. די מענשליכע אונבעהאָל־פענקייט האָט איהם אַנגעריהרט, צו וואָס־זשע טויג זיי דאָס נאַרען זיך און די וועלט? צו וואָס טויג זיי איינ־ריידען אז זיי ווייסען? זאָלען זיי זיך ניט שעהמען און מודה זיין זייער בלינדקייט, וועט עס ווייניגער אומגליק ברייינגען.

נור אויב די דאָקטוירים ווייסען ניט, איז נאָך ניט אַלעס; דאָקטאָר מאַכאָוועך ווייסט, אז עס זיינען פאַרהאַן גרויסע דיקע ביכער, וואו עס בעהאַלט זיך דער גאַנצער אוצר פון מענשליכען וויסען און ערפאהרונג, ער וועט זיך ווענדען צום מקור גופא.

.12

און אזוי ווי איינער וואס טרינקט זיך, קעמפענדיג פאַר זיין לעבען, חאַפּט זיך אָן אפילו אן אַ שפּענדעל —

אזוי האָט דאָקטאָר מאַכאָווער זיך אָנגעכאַפּט אָן די אויטאָריטעטען פון דער מעדיצינישער וויסענשאַפט. ער אליין האָט לאנג געזוכט, געפאָרשט — אומזיסט!

די מעדיצין דערצעהלט טרוקענע פאקטען, אזוי איז עס געוועזען, און עס קען זיין אנדערש אויך. פאַר וואָס איז עס אזוי געוועזען, און פאר וואָס עס קען זיין אַנדערש אויך — אויף דעם האָט קיין ענטפער די מעדיצינישע ווי־סענשאפט.

און דאָקטאָר מאַכאָווער האָט אָנגעהויבען פיהלען ווי איינער וואָס געהט אויף אויטאָמאַטישע טרעפּ. די ראָד דרעהט זיך האַסטיג, מען דארף זיין שטארק און פאָרזיכ־טיג, אז ניט — אז ניט קען מען פאלען און האלדז און נאַקען צוברעכען. ער האָט אָנגעהויבען פיהלען, אז דער באָדען, וועלכען ער אליין מיט זיינע קרעפטיגע הענד האָט פאר זיך אויסגעשפּרייט, הויבט זיך אן ארויסגליטשען פון אונטער זיינע פיס, און פאלען ווילט זיך ניט, קיינער פיהלט ניט מיט — מען לאַכט!....

.13

און ווען דאָקטאָר מאַכאָווער איז אויף מאָרגען און איבערמאָרגען געקומען צו זיין פריינד, און מען האָט איינגעלאַדען אנדערע דאָקטוירים, דורכאויס די גרעסטע און די בעריהמטעסטע מענער, און זיי האָבען געראַטהען צו טהאָן דאָס זעלבע וואָס די פריהעריגע, האָט דאָק־טאָר מאַכאָווער מיט אַ געבראָכענעם געמיטה זיך גע־ווענדעט צו זיי:

„הערט אויף צו מאַטערען דאס קינד, איהר פייג־לינגע! גלויבט איהר דען אן דעם וואָס איהר טהוט?...

ער איז צוגעגאנגען צום קינד, וועלכעס מען האָט נור־וואָס פון וואַנע ארויסגענומען. די בעקעלאך זיינען ביי דעם געוועז רויט, פערפלאָמט, ווי צוויי שעהנע, רויטע עפּעל, די שווארצע געגרייזעלטע האָאר זיינען געוועזן צושווי־בערט, דאָס לייב פּריש און ווייס, די אויגען... אין קינד'ס אויגען האָט זיך שוין דער טוידט אויפגעהאלטען.

און זיי, די אויגען, האָבען גערעדט צו דר. מאַכאָווער, אויף א שטילער שפּראך, אויף א שפּראך אָהן ווערטער און אָהן קלאנגען: „איהר גרויסע, איהר זייט אזוי גרויס און געזונד, איהר ווייסט דאָך אזוי פיעל, אזוי פיעל טויזענדער יאהרען האָט איהר געלערנט און געלערנט. זעהט, טהוט א טובה, זעהט גוטע מענשען, העלפט מיר, לאָמיך בלייבען לעבען, טהוט עס צוליעב מיין מוטער, וועלכע האָט איהר לעבען פאר מיר געשטעלט אין קאָן, טהוט עס צוליעב מיין פאָטער, וועלכער וועבט וועגען מיר אין די טונקעלע פריהמאָרגענס אזוינע זיסע, אזוינע האָפנונגספאָלע חלומות, הײנט איך אליין? נאָך גאָר אן עופה'לע, האָב נאָך גאָר ניט געלעבט, גאָר ניט געזעהן. און איך גלויב דאָך אזוי אין אייער וויסען. איך גלויב, מיין לעהרער, מיין פאָטער, מיין מוטער, גלויב זעהר דאָקטאָר מאַכאָווער, איך גלויב אלעמען וואָס ווייסען, זעהט, האָט רחמנות".

.14

אריינקוקענדיג טיעף אין דעם קינד'ס אויגען, וואו דער טוידט איז שוין אזוי זיכער געזעסען, איז דאָקטאָר מאַכאָווער'ס גרויסער שטערן בלאָס געוואָרען, אַ פאָס ערד, אַ שוואַרצער, האָט זיך אין דער מיט אוועקגעלייגט, אַ צייכען פון גרויסען טרויער — די לעצטע וועלט איז חרוב געוואָרען.

דאָקטאָר מאַכאָווער האָט זיך אראָבגעלאָזען אויף דער ערד פאר'ן קינד, און שטיל, קוים וואָס מען האָט גע־

הערט, האָט ער ארויסגערעדט: זיי מיר מוחל, שלום, איך האָב געגען דיר געזינדיגט, אלע האָבען געגען דיר געזינדיגט — די גאנצע וועלט!...

זיין פריינד איז צו איהם צוגעלאפען: וואס איז מיט דיר, משה־דוד? און האָט איהם פון דער ערד אויפגעהויבען. יעמאָלט האָט דאָקטאָר מאַכאָווער ארומגעכאפט דעם קינד'ס קאָפּ, אַ שטאַרקען קוש געטהאָן, און האָט געזאָגט צום קינד: שלומ'קע, שלומ'קע, שפּיי מיר אָן אין פּנים!....

— וואס רעדסטו, משה־דוד, וואָס שרעקסטו אונז?! האָט זיין פריינד איהם געפרעגט.

— איך בין ווערטה, איך בין ווערטה!... מעהר האָט דאָקטאָר מאַכאָווער קיין וואָרט גערעדט און איז אוועקגעגאנגען. אין פיער טעג ארום איז דאָס קינד געשטאָרבען.

.15

ארייַנקומענדיג צו זיך אין קאַבינעט, האָט דאָקטאָר מאַכאָווער אין הארצען געזאָגט: „מיין איין האַנד קען דאָך צוואַנציג קינדער אויפהאַלטען. און דאָ, מיט מיינע ביידע הענד, מיט מיין מח, מיט מיין נשמה, צוזאַמען מיט אלע אויטאָריטעטען פון דער מעדיצין, האָבען ניט געקענט העלפען איין איינציג שוואך עופה'לע“.

דאָקטאָר מאַכאָווער האָט פונאַנדערגעעפענט אלע זיינע ספרים־אַלמערס, זיך אוועקגעזעצט אויף דער היילער פּאָדלאָגע, און האָט לאנג און יאמערליך געוויינט.

גרויסע, קיילעכדיגע טראָפּען טרעהרען האָבען זיך געקייקעלט איבער זיינע ווייסע באַקען, אראָפּפאַלענדיג אויף דער ברייטער, שווארצער באָרד האָבען זיי זיך צושלאָגען אין קליינע טראָפּענדלעך, און זיינען ערגעץ־וואו הינטערן באָרד פערשוואונדען. זיין גרויסער, געזונדטער קערפּער האָט קאָנוואולסירט פון זיין שטארקען שלוכצען.

ער האָט זיך געלאָזט בעהערשען פון זיינע געפיהלען, און האָט געקלאָגט אויף זיין גרויסען אונגליק.

דאָס איז געוועזען דאָס צווייטע מאָל אין זיין לעבען, וואָס זיין נשמה האָט געוויינט.

אזוי האָט ער געוויינט מיט 25 יאהר צוריק, בעת ער האָט בעוויינט זיין ערשטען גלויבען — דעם אידישען גאָט.

.16

קאַלט, כמעט גלייכגילטיג האָט דאָקטאָר מאַכאָווער אַלע זיינע מאַנוסקריפּטען צוריסען.

„וואָס איז אזוינס מענש? וואס איז אזוינס גאָט, גלויבען?" און ער האָט זיך אליין געענטפערט: מענש איז אזא זאַך, וואָס האָט א גאָט. דער אָבער, וואָס האָט נים קיין גאָט, קען צווישען מענשען נים אריינגערעכענט ווערען. אָהן א גאָט, אָהן א גלויבען, איז מען אַן אַלטע חרוב־געוואָרענע וועלט, אַ בארג לעהם און ציעגעל, וועל־כע די זונן ברענט און דער רעגען נעצט, אַ וועלט וועגען וועלכער עס וועט פיעלייכט אַמאָל זיך ווער געפינען און אַ בוך אָנשרייבען.

איז ער דען נים א בוך, א גאנצער בוך, געגליכען צו די ביכער וועלכע געפינען זיך אין זיינע אַלמערס? זיי זיינען וועלטען, וועלטען פון פאַר טויזענד יאָהר, וועלטען פון פאַר צעהן־טויזענד יאהרען. גרויע, גרויע, לאַנג אָרונ־טערגעגאַנגענע פון דער לעבענס־אָרענע, פון דער ערד־אָבגעמעקטע, כמעט פון דער געשיכטע פערגעסענע, דער חילוק צווישען זיי און איהם בעשטעהט בלויז דעריין, וואָס זיי האָבען געלעבט אין געוויסע צייטען, ווייטע און פרעמדע איינס צום צווייטען, און ער, משה־דוד מאַכאָ־ווער, האָט געלעבט מיט זיי אין אַלע צייטען.

די צייט איז געשוואומען אונבעשטימט וואוהין, דער

טאָג האָט געיאָגט די נאַכט, די נאַכט — דעם טאָג.

.17

דאָקטאָר מאַכאָווער האָט אויפגעהערט צו לערנען און לעזען, עס האָט איהם געפעהלט דאָס גלויבען. ער אליין מיט זיין אייגענעם שכל, האָט געוואָלט דערגעהן, וואָס אזוינס איז עס אַ „מענש“, און וואָס אזוינס איז עס „גאָט“, און אין וואָס בעשטעהט דער חילוק צווישען מענש און גאָט. אויב ער, משה־דוד מאַכאָווער, איז דאָס וואָס מען רופט אָן אַ מענש, דאַרף ער דאָך זיך אליין קענען לכל־הפחות פערשטעהן.

און ער האָט איבער אַ נייעס אָנגעהויבען זיך צוקוקען צו מענשליכע פיהרונגען, אין וואָס זייער גלויבען בע־שטעהט. ער האָט געקוקט שטיל, אָהן ווערטער, אַזוי ווי אַ גאַסט וועלכער קומט צום ערשטען מאָל.

איינמאָל איז צו איהם אין קאַבינעט אריינגעקומען אַן אלטע, קראנקע פרוי, וועלכע האָט זיך קוים געהאלטען אויף די פיס. נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט צו פרע־גען ביי איהר וואס זי וויל, איז זי שוין ביי זיינע פיס געלעגען, און קושענדיג זיי האָט זי שלוכצענדיג ארויס־גערעדט: דאָקטאָר, פריהער גאָט און נאָכדעם איהר, ראַ־טעוועט מיין קינד!

— איהר האָט אַ טעות, מיין ליעבע פרוי, איהר מוזט אודאי געהן ערגעץ — אנדערש־וואו, איך בין קיין דאָק־טאָר נית.

— אָהן אַ תירוץ, דאָקטאָר, ער איז מיין שפייזער, מיין קדיש!... און זי האָט איהם דערצעהלט, אז דער זוהן איז איהר איינציגע טרייסט, וועלכען זי פערמאָגט אין איהר עלענדען לעבען.

אַ שטיין קען זי ריהרען.

— מיין ליעבע פרוי, איהר דארפט גערן צו א דאָק־טאָר מעדיצין —

אַנדערש־וואו וועט זי ניט גערן, אַט דאָ וועט זי שטאַרבען, פאַר זיינע אויגען, ער מוז מיט איהר גערן.

דאָקטאָר מאַכאָוועך האָט זיך פערטראַכט, זיין פּנים איז בלייך געוואָרען. זיינע אויגען האָבען א גלאנץ געטהון מיט א שוואַרצען שיין. ער האָט זיך דערשראָקען א חאַפּ געטהון, ווי איינער, וועמען מען וועקט אויף פון שלאָף, און דערזעהענדיג שטעהן פאַר זיך די פרוי, האָט ער צו איהר געזאָגט:

— געהט אהיים און זאָגט אייער זוהן, אז איך האָב געזאָגט, אַז ער איז געזונד, ער זאָל אויפשטעהן און טהון זיין ארבייט ווי פריהער.

אַ דערשראָקענע, מיט אויגען פול שרעק און אומרוה, האָט די פרוי אָנגעקוקט דאָקטאָר מאַכאָוועך: — ווי הייסט, גאָט איז מיט אייך, שוין דריי וואָכען אז ער קען זיך אויף דער צווייטער זייט ניט איבערקעהרען, פיער מעת־לעת שוין, האָט ער קיין לעפעל וואסער אין מויל ניט געהאַט, אלע דאָקטוירים האָבען זיך פון איהם אָבגעזאָגט...

— געהט, גיסט איהם אריין א ביסעל קאַלטע וואסער אין מויל, און זאָגט איהם וואָס איך הייס אייך, ער וועט געזונד ווערען.

18

אז די פרוי איז אוועק געגאַנגען, האָט דאָקטאָר מאַ־כאָוועך געלאַכט פון זיך אליין. ווילד, שרעקליך ווילד האָט ער פון זיך געלאַכט.

מיט פערבראָכענע הענד אויף'ן הארצען איז ער ארומגעגאנגען הין און צוריק איבער'ן חדר, בעדויערענד געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. ער, דאָקטאָר מאַכאָוועך, הייסט גיסען אין מויל א האַלב־טוידטען קאַלטע וואסער. פיע־

לייכט שטארבט ער גאָר דערפון... ווי שרעקליך, צו וואָס פייניגט ער זיך אזוי?

ווי דערשראָקען און איבערראַשט דאָקטאָר מאַכאָווער איז אָבער געוואָרען, בעת אין צוויי טעג ארום איז צו איהם ווידער געקומען די זעלבע אלטיטשקע, און מיט טרעהרען אין די אויגען איהם בעדאנקט דערפאר, וואָס פריהער גאָט, נאָכדעם ער, האָט פון טוידט לעבעדיג געמאַכט איהר שפּייזער, איהר איינציג קינד.

אויף אלע איהרע פראגען און בקשות האָט דאָקטאָר מאַכאָווער איהר נישט געענטפערט. אָבער דאָס, וואָס דאָקטאָר מאַכאָווער האָט געטהאָן מיט איהר און מיט איהר קינד, האָט עס די עלענדע פרוי ניט געקענט פערגעסען. וואו זי איז געגאַנגען, געשטאַנען, האָט זי גערעדט פון דאָקטאָר מאַכאָווער'ס גרויסקייט, און אזוי ווי אַן עלעקטרישער שטראָם האָט עס זיך צוטראָגען אין די איי־דישע קווארטאַלען, און מענשען האָבען געגלויבט. פון אומעדום האָט זיך דער עולם געלאָזען געהן צו דאָקטאָר מאַכאָווער'ן. דאָקטאָר מאַכאָווער האָט זיך דערשראָקען, און פאַר שרעק האָט ער זיך פערשפּאַרט.

די וועלכע זיינען אָבער צו איהם נאָך הילף געקומען, האָבען ניט געוואָלט אוועקגעהן מיט ליידיגען צוריק, גאַנצע טעג זיינען זיי ביי זיין טהיר געשטאַנען, און האָבען געוויינט.

זייערע טרעהרען האָבען צו איהם געשריען, זיך געבעטען: „משה־דוד מאַכאָווער! דו האָסט פערלאָרען דיין גלויבען, דיין נשמה פלאָקערט פון צאָרן, אמת, עס איז זעהר שרעקליך, פאר וואָס־זשע זאָלסטו ניט אָפלעשען, ניט גרינגער מאַכען דיר, דיינע אייגענע ליידען דערמיט, וואָס דו וועסט אָבווישען דעם צווייטענ'ס טרעהר? ווייסטו, משה־דוד, וואָס עס בעדייטעט אבצווישען אַ

טרעהר, פערגרינגערען יענעמ'ס שווער געמיטה? טהו דאָס, משה־דוד, דו דאַרפסט דערביי ניט ליידען, לייקענסט דערמיט ניט אין זיך זעלבסט. קענסט אונז הייסען עפּעס טהון ווי יענער אלטיטשקער. לאַכען פון זיך אליין. ביטער לאַכען, זיך טרינקען און פערגעהן אינ'ם אייגענעם געלעכטער, נור אבי העלפען אונז! זעה אונזערע פּנימ'ער, קוק זיך גוט איין אין אונזערע אויגען, וועסטו דעם גאנצען צער, דעם גאנצען יאוש און טרויער דאָרט דערזעהען, אפשר וועסטו אליין אויך צוליעב אונז געהאָלפען ווערען"...

און משה־דוד האָט יעדען געהייסען עפּעס אַנדערש טהון, זיי זיינען געגאנגען, האָבען געטהון, ווי ער האָט זיי געהייסען, און פיעלע זיינען געהאָלפען געוואָרען.

.19

טאָג־טעגליך זיינען צו משה־דוד'ן געקומען מענשען בעטען ער זאָל זיי העלפען, טאָג־טעגליך זיינען די געהאָלפענע געקומען איהם דאַנקען.

וואָס־זשע הייסט עס?...

„הייסט עס דען ניט אז מען דאַרף נור גלויבען, עס מאַכט ניט אויס אין וואָס גלויבען, אבי גלויבען... אָט דאָס איז עטוואָס גאָר גרויסעס, אָט צו וואָס זיין אונגליק האָט איהם געפיהרט, אזא וויכטיגע ענטדעקונג. עס קען זיין, אז מענשען ווייסען עס שוין לאנג, ער אָבער איז צו דעם דערגאנגען מיט אייגענער ערפאַהרונג".

דאָקטאָר מאַכאָווער'ן איז קלאָהר געוואָרען, פאַר וואָס יעזוס קריסטוס איז געוואָרען אַ גאָט, ער האָט געגלויבט אז ער איז א גאָט. זיין שטאַרקער גלויבען האָט געצוואונגען די וועלט צו אנערקענען איהם, און אויך אָנהויבען גלויבען. יהודא, איז געווען דער אומגליקליכסטער אין דער וועלט, ווייל ער איז געווען געשלאָגען מיט אונגלויבען.

דאָקטאָר מאַכאָווער האָט אָנגעהויבען בענקען נאָך אַ גלויבען, דאָס גלויבען האָט איהם אָנגעהויבען רופען, פערנאַרען צו זיך.

ער וואָלט שווערען, אז עס רופט איהם. ער הערט עס, ווי עס הערט עס דער, וועלכער געהט אליין ביי־נאַכט אין אַ געדיכטען, פינסטערען וואלד, און דערהערט פּלוצלונג אז מען רופט איהם ביים נאָמען.

.20

אויב שוין יא גלויבען — איז נעהענטער פאר אלעם צו דאָקטאָר מאַכאָווער'ס הארצען דער אידישער גאָט, דער גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב.

אַ וואַרימקייט האָט דורכגענומען דאָקטאָר מאַכאָ־ווער'ן בעת ער האָט שטיל, פאר זיך ארויסגערעדט די נעמען פון די דריי הייליגע אבות.

זאָל זיין, אז זיינען טאַקע קיין מאָל ניט געוועזען, זאָל זיין אַז זייערע נעמען זיינען בלויז מיפען, מיפען, מיט וועלכע מען בעצייכענט געוויסע עפּאָכען אָדער וועלטען, אפילו אייביגקייטען — די נעמען זיינען איהם אָבער זעהר טהייער, זיי בערוהיגען זיין נשמה, און הויבען הויך, אין די הימלען, זיין גייסט.

און מיט פרייד, געמישט מיט שמערץ, האָט דאָקטאָר מאַכאָווער דערפיהלט אז ער גלויבט. ער גלויבט — אינ'ם גלויבען אליין. און ווען מענשען פלעגען צו איהם קומען נאָך הילף, פלעגט ער זיי טרייסטען: גאָט וועט אייך העל־פען. גלויבט!...

און עס האָט זיך פערשפּרייט אַ קלאַנג, אז דאָקטאָר מאַכאָווער איז רעליגיעז פרום געוואָרען, ער דאַווענט זאָ־גאַר אַלע טאָג. און אונצעהליגע מענשען שטעלען זיך אָפּ יעדען פריהמאָרגען נעבען דער הויז פון דאָקטאָר מאַכאָ־ווער — זיי ווילען זיך איבערצייגען. זייגער זעקס הויבען

זיי אָן שוין זיך צוזאַמענקלייבען. די שוואַכערע פון זיי קענען זיך ניט בעהערשען אפילו לפנים. זיי שפּארען זיך ביז צו אונפערשעהמקייט, קריכען אין די פענסטער, זיי שרייען און אמפּערן זיך וועגען דאָקטאָר מאַכאָווער הויך אויפ'ן קול, אז ניט נור הערט זיי דער, צו וועמען זיי ווענדען זיך, נור זייערע קולות הערען זיך איבער דער גאַנצער גאַס.

— אַט לאָמיך אזוי לעבען — שרייט איינער ווי נור זיינע כחות ערלויבען איהם — אז איך אליין האָב איהם געהערט פון הינטער'ן פענסטער זאָגענדיג: „ואַרשתיך לי לעולם“.

— יא, איך אויך!

— געווים, דאַוועֿנט ער!

צווישען עולם ווערט אַ טומעל, עס געפינען זיך אויך אזעלכע, וואָס זיינען ניט צופריעדען מיט אזא בענעהמען זיך.

.21

די אידישע אינטעליגענץ זעהט אויסצומיידען דאָקטאָר מאַכאָווער'ס הויז. אויב עס קומט א מאָל אוים, וועמען פון זיי דורכצוגעהן פארביי זיין הויז, געוועהנליך אויף דער צווייטער זייט פון גאס, האַלט דער דורכגעהער די קאָפּ אראָפּגעלאָזען. ער וויל גאָר ניט זעהען, וואָס דאָרט קומט פאָר.

איינינע פון זיי פיהלען טיעף ביי זיך אין הארצען, אז דאָקטאָר מאַכאָווער איז ניט גאָר אינגאנצען אומגע־רעכט. אנדערע ווידער דוכט זיך אוים: אז אויב ניט אין גאנצען, — א שטיקעלע שולד האָבען זיי אין דעם, וואָס פון דאָקטאָר מאַכאָווער איז געוואָרען. זיי קענען זיך אליין קיין שום חשבון ניט אָבגעבען. אין וואס און פאַר וואָס בעשטעהט זייער שולד.

אַלע פאַרנאַכט, ווען דאָקטאָר מאַכאָווער געהט זיין טעגליכען שפּאַציער־גאַנג, קוקען איהם נאָך הונדערטער אויגען און פערפאָלגען איהם מיט זייערע פאָרשענדע „וועלען אויסגעפינען“ - בליקען.

די וואָס געהען אויף דעם זעלבען שטעג וואו ער, קעהרען אָב דעם וועג. ער קוקט זיך אָבער אויף קיינעם ניט אום, און געהט צו זיין בעשטימטען ארט. זיין גאַנג איז פאַמעלאך, אויסגערעכענט, אראָבלאָזענדיג זיין דיקען מאַהאָגאַנע שטעקען, צום ריטם פון יעדען טראָט.

אַ רוהיגער צערטליכקייט, וועלכער איז ריין פון יעדער ליידענשאַפט פלאַטערט אויף זיין פּנים, זיין גאַנץ אויסזעהען לאָזט איבער דעם אונערקלעהרליכען איינדרוק פון פרישען, ווייסען שנעע, פון שנעע וועלכער האַלט נאָך אין פאַלען.

אַמאָל זיינען איהם געגאַנגען מענשען אַנטקעגען, מיט גרויס דרך־ארץ, און היינט — מיט מורא. אַמאָל האָבען זיך מענשען אין זיינע בליקען געטובל'ט, געהייליגט און ריין געוואַשען — היינט זיינען פאַר זיי זיינע אויגען טיעפע, קאַלטע, פול מיט בעהאַלטענע סודות־קוואַלען.

געדרוקט ביי גאָלדמאַן און שטיינבערג, 24 ווענדראַוואַטער סט.